Historical Jewish Press (JPress) of the NLI & TAU

מילגרוים, 01.01.1923, page 37

די לעצטע טרער.

א מעשה.

ס׳ א מעשה פון א גליקליכן בן־מלך, וועלכער האט געליבט א שטאָלצע בת־מלכה.

— אויב דו וועסט מיך ביזן טויט ליבן, — זאגט די בת־מלכה, — בין איך גרייט דיין כלה זיין.

שווערט דער בן־מלך בא גאָט — זי צו ליבן ביזן טויט.

דאן האט די בת־מלכה געפרעגט — מיט וועלכן וועט ער איר אויסווייזן זיין ליבע.

— דו וועסט בא מיר פאָרן, — האט דער בן־מלך געזאגט און זיין געזיכט האט פון גליק אים געשטראַלט. — אין גילדענע קארעטעס, אויף גין־גאָלדענע רעדער; צו זיי וועלן ברענענדיגע פערד זיין געשפאנט, מיט דימאנטן און ברילאנטן בעהאנגן. איך וועל דיך בריינגן אין קריסטאלענע פאלאצן מיט מירמערשטיינערנע צימערן, וועל אויף העלפאנט־שטילן באזעצן דיך, אונטער די פיס דיר פורפור־סטעזשקעס שפרייטן, אין די שאצבארסטע קרעלן און פערל דיך צירן און אין זייד און אין פלוש נאָר דיך קליידן. פון די וואונדערליכסטע פויגעל אין דער וועלט די פעדערן די שענסטע באקומען, פון זיי דיר אקרוין אויסצושפינען מיט סאפירן און שמאַראגדן באזעצט. מיט די שמעקענדסטע בוימלן וועל איך לאָזן דיין לייב שמירן. די בעסטע וויינען וועלן זיין דיין געטראנק און אין מילך און האָניג וועסטו זיך באָדן.

— ניין, נישט דערמיט וועסטו ליבע מיר אויסווייַזן. — האט שטאָלץ געענפערט די בת־מלכה.

און אין טויזענדער גליק־פייערן האבן דעם בן־מלך׳ס אויגן צוברענט זיך און ער האט ווייטער זיין וואָרט געצויגן:

... איך וועל צו מלכים און קיסרים דיך בריינגן, אויף באלן די גרעסטע אין צויבער און פראכט. איבער גילדענע בערג און זילבערנע טייכן וועלן, ווי אָדלער, מיר יאָרנלאנג שוועבן. אַין די ווייטסטע מדינות וועלן מיר אנקומען און די פערוואָרפענסטע מדבר און ים־אינזלען אויסזוכן. איבערשרייען וועט דאס גליק דייַנס פון די ים־כוואַליעס דאס געברויש, פון די סטעפּן — דעם שטורם־ליאַרם, און נאר די סודות־פולע שטילשווייגענישן פון די רו־רוהיגע האָריזאָנטן וועסטו דיין לעבענס־סוד פארטרויען. אין די רייכסטע וועלט און נאטורווינקעלעך וועל איך בריינגן דיך און אונטער א הימעל דעם שענסטן, פון גאָלד־זילבערנע חלומות אַן אויסגעוועבטן, וועל איך פון רויזן און בלומען א פּיראמידע דיר אויפשטעלן. דו וועסט פון הויך־הויכסטן שפּיץ, פון צווישן די וואָלקענס די לויטערסטע, ווי א געטליכער חלום ארויסשייַנען מיר, און דעם קאָפּ דיינעם קושענדיג, וועט א גאָלדענע זון מיט זילבערנע שטראַלן איבער אים זיך צושיטן.

— נישט דערמיט וועסטו ליבע אויסווייזן! — האט געזאגט די בת־מלכה.

— נו, וועל׳ך דיר די גאונישסטע זינגער און שפּילער, מיט די וועלט בארימטע טענצערינס אראָפּבריינגן, דורך די צארטסטע טרעלן פון די איידעלסטע, זיסטע העלזער ארויסצעצויגענע און דין־דינסטע אַקאָרדן פון עלטסטע און נייסטע וואונדער־פידעלעך ארויסבאקומענע, וועלן פאר דיר אונטערבליכע הימנעס ווערן געשאפן און די צויבערדיגסטע פייגעלעך וועלן דיר עדן־לעגענדן דערציילן...

— נישט דערמיט, זאגט די בת־מלכה, וועסטו מיר ליבע דערווייזן!

— וועל איך דיך שטענדיג פּאַנקיוון, גלעטן, קישן־ליבן און אויפ׳ן הארצן דיך טראָגן. מיט א תפלה אויף ריינע ליפּן אינאיינעם מיט׳ן מאָרגענשטערן וועל איך צו דיינע פיס שוין קניען, מיט זיבן זילבערנע ריגעל וועל איך אָנהויב נאכט די טיר פון דיין שלאָף־צימער פארשליסן, וואַכן מיט א גאָלדענער שפּיז בא דיין בעט, היטן דיין רוה און ציילן דיין אָטעם...

— נישט דערמיט וועסטו דיין ליבע אויסווייזן! — זאגט שטאלץ די בת־מלכה.

... טאג ווי נאכט וועל איך פון דייַנע לויטערע אויגן־אַפּעל לעבענס־זאפט זויגן, זיך פורפורן געדאנקען פון דיינע רויזן־באקן, דין אויסקריצן מיין גורל אויף דיין מארמאָר־שטערן און די זויבערסטע לוסטן צווישן די ברוסט דיינע אויסגיסן...

— ניין, נישט דערמיט דערווייזטו דיין ליבע!

Historical Jewish Press (JPress) of the NLI & TAU

— ווּעסטו ווּעלן, — זאגט דער בן־מלך, — וועל איך, ווי ביז איצט, לעבן גליקליך, זיך פרייען און לאכן מיט הימעל און ערד, טאנצן מיט בערג און טאָלן, שפּילן אין פעלדער און וועלדער, און זינגען דיר ליבע־לידער, ווי כרובים צו גאָט. און אויב ניט, וועל איך גליקליך מיין לעבן דיר שיינקן, וועל׳ך זיך אפּייער־שפּיז אין הארצן ארייַנשטעקן, טויט נעבן דיינע פיס פאלן און מיין בלוט וועט דיר עדות זאגן אויף מיין ליבע!...

— ניט קיין קָרְבָּן, נאר א כֹּהֵן מוז מיין אויסדערוועהלטער זיין! — האט דרויף געענפערט די בת־מלכה די שטאָלצע.

— וועל איך, — האט דער גליקליכער בן־מלך אויסגע־שריגן, דיר ברייַנגן א בלוּטיגן חלף, וואס איז מיין ברודערס און שוועסטערס האַלז דורכגעאנגגן, פאר אַן עדות אויף מיין ליבע!

— עס גענוּגט נאך נישט דער קרבן, זאָלסט דוּרך אים מיין כהן ווערן! — ענפערט אָפּ די בת־מלכה.

— וועל איך, — שרייַט ווילד אויס דער גליקליכער בן־מלך, — פאר דיינע פיס מיין פאטערס קאָפּ מיט דער קרוין לעגן!

— סע קארג! — האט די שטאלצע בת־מלכה געזאגט.

— מיין מוטערס הארץ וועל איך דיר א מַתָּנָה ברייַנגען! — האט דער גליקליכער בן־מלך שוין משוגע אויסגעשריגן.

— סע קאַרג! — זאגט די שטאָלצע בת־מלכה.

— וועל איך, — האט דער גליקליכער בן־מלך אָן א אָטהעם אויסגערוּפן, מפקיר זיין מיין גרויסע מלוּכה, פאלשן אין מיין געטרייַען פאָלק און בייטן מיין הייליגן גלויבן!

— סע קאַרג!

— וועל איך דיך אליין טוידטן! — האט ער טיראַניש אויסגעשריגן.

גענוּג, האט די בת־מלכה ענדליך געענפערט. דיך זאלבּ איך פאר אַ כהן־גדול צו מיר! דוּרך מיין אייגענע בלוּט געהייליגט דערויף. נאָר האט זי געפרייגט, זאָג: — דוּ האסט טרערן טרייַע אויף אָפּצאָלן מיין ליבע? פארמאָגט דיין האַרץ דעם גרויסן טרויער אויף אויסקויפן מיין טויט? דען ווּעמען איך קלויב אויס — ער זאל דעם לִפְנַי וְלִפְנִים פון מיין טעמפּעל באַזוּכן, ווּעמען איך ערלויב איינמאל נאר מיין קדשי־קדשים אריבערצוּטרעטן, מוּז ער שוין דאס גאנצע לעבן מיין הייליג־טום טראגן אין זיך און מיין פייער מוּז ניט אויסגעלאָשן אייביג ברענען אים אין הארצן.

— ניין, האט דער גליקליכער בן־מלך געענפערט, טרערן ווייס איך ניט וואס הייסט און טרויער ווייס איך ניט וואו איז. איך האָב קיינמאל פון לייַדן געוואוּסט און קיין טרויער נישט באַגרייַפט. קיין מאל האט מיין אויער קיין קרעכץ ניט פאר־נומען, קיין מאָל מיין אויג קיין טרער געזעהן. ווען אין דרויסן האט דער ווינט געוויינט, האט מען מיר אין מיינע צימערן פרייליכע לידער געזוּנגען, ווען די הימלן האבן מיט שווארצע כמאַרעס באדעקט זיך און די פינסטערניש געהערשט אויף דער וועלט, האט מען פאר מיר טיר און לאָדענס פאר־מאכט און מיט צויבער־ליכט מיין הויז באַשייַנט. איך ווייס ניט וואוּ איז ער, דער טרויער?

— טרויער, — זאגט די בת־מלכה, איז באַ ליבע, און טרייַהייַט ווערט דוּרך לייַדן דערקענט. זיי נאר באַטעמ׳ן דאס לעבן. באַזיצטסטו ניט קיין טרויער — ווּעסטו פון לעבן קיין טעם נישט פילן, ווייסטו ניט פון לייַדן — קאָנסטו אויך מיין האַרץ ניט וויסן. ווייל נאָר טיפע לייַדן געבוירן די טרערן און נאָר א טרייַע טרער ציילט אָפּ די ליבע.

— און איך האב נישט קיין טרערן! — זאגט דער בן־מלך פארלוירן.

— גליקליכער בן־מלך, — זאגט די שטאָלצע בת־מלכה, — טרערן, טרערן מוּז מען האבן!

— וואס זשע זאל איך טוּן, — פרעגט דער גליקליכער בן־מלך, אז דוּ זאלסט מיין כלה זיין?

— געה, זוּך אויס דעם קוואל פון ליבע און שעפּ פון דארטן אויס, וועל איך דאַן דיין כלה זיין!

נעבן די גאָלדענע טויערן פון ליבע איז דער גליקליכער בן־מלך געשטאנען, געקלאפּט אין זיי און אזוי געזאגט:

— עפענט זיך אויף, איר טויערן פון ליבע, און זאל ארייַנ־קומען אין אייך דער גליקליכער בן־מלך! איך בין אויף דער וועלט א גליקליכער, וועלכער האט פון אלע תענוּגים־בעכער שוין געטרוּנקען און איצט וויל איך נאָך פון אייערע אוצרות געניסן.

באלד האבן זיך צוּעפנעט די טויערן פון ליבע און א לויטערער כרוב מיט קריסטאל־ווייַסענקע פליגעלעך איז צוּ אים צוּגעפלויגען און מיט א פריינדליכן שמייכל אויף די ליפּן געזאגט אים:

— געבענשט זאלסטו זיין, וואס ביסט צו אונז געקומען — מען ווארט שוין דאָ אויף דיר. מיר האבן געזעהן — דוּ ביסט איינער א גליקליכער אין לעבן. דוּ האסט גבוּרה, הערשאפט, שיינקייט, רייַכקייַט און כבוֹד, און פון אוּנזערע אוצרות באַזיצסטו גאר ניט. טאָ, קום זשע צוּ אונז. אונזערע טויערן זיינען אָפן פאר גליקליכע ווי פאר אומגליקליכע. זיי געבענשט מיט דיין קומען צו אונז.

דוּרך גין־גאָלדענע, פּוּרפּוּר־שפּיגעלדיגע צימערן איז דער בן־מלך איבערגעאנגגן, ביז ער איז אין א וואונדער צויבער־חדר אריין. אין א חדר, וואו קיין ווענט, סטעליע און פּאָד־לאָגע איז ניטאָ, נאר לויטערע הימלען ציהען זיך פון אויבן און פון אונטן. פון אויבן שייַנען זיבן גאָלדענע זוּנען און פון אונטן — זיבן זילבערנע לבנוֹת. און דער בן־מלך געהט, נישט ער געהט נאר שוועבט צום שַׂר פון ליבע.

און דער שר פון ליבע פלאַקערט אויף א גליהענדער שטוּל און גרינגע שרפים׳לעך טאנצן ארום איהם. אין זיין רעכטער האַנט האלט ער די יוגענד, אין דער לינקער א האַרפע, און צוּ זיינע פיס קניעט די עלטער און בעט א ביסעלע... ליבע. אין זיינע אויגן שייַנט די אייביגקייט און אויפן שטערן רוּהט דער טרויער.

— קום אהער, זאגט דער שר פון ליבע צום גליקליכן בן־מלך, און סנאָפּעס שטראַלן זעצן צום הימעל פון זיין מוֹיל, זאג דיין באגער, וועל איך עס דערפילן!

— איך האב ליב, דערציילט דער גליקליכער בן־מלך, א שטאָלצע בת־מלכה. פאָדערט זי פון מיר טרערן און איך פארמאָג זיי נישט, ווייל איך בין עס איינער א גליקליכער, וועלכער באזיצט ניט קיין טרערן.

Historical Jewish Press (JPress) of the NLI & TAU

מילגרוים, 01.01.1923, page 39

דער שר פון ליבע האט א באפויל געגעבן — האבן זיך איבערשטע און אונטערשטע הימלען צובליצט און א גרינג שרפיל איז אוועק און געבראכט זיבן טרייע טרערן — לויטערע, וואַרעמע, אויסגעשעפטע פון טרויער־אוצר און זיי אין גליקליכן בן־מלכ׳ס הארץ אריינגעגאסן און אזוי געזאגט:

— אין דיין הארץ איז איצט דאָ זיבן טרייַע, לויטערע, וואַרעמע טרערן. דאס וועט זיין דיין פארמעג צו די זיבן ליבעס, וועלכע נעסטן אין דיין הארצן: ליבע צו ברודער און שוועסטער, פאטער און מוטער, מלוכה, פאָלק און גלויבן, און צו דיין לעצטער ליבע, די שטארקסטע פון זיי אלע, דיין ליבע צו דער בת־מלכה. יעדע ליבע באַזיצט בא דיר איר טרער און וועה, וועה וועט זיין דער ליבע, ווען וועסט אויסגיסן איר טרער. ווי א חלום וועט זי פארשווינדן און צונישט ווערן!...

פריילין איז געקומען דער גליקליכער בן־מלך צו דער שטאָלצער בת־מלכה מיט דער בשורה, אז ער האט שוין אין הארצן זיבן הייסע, לויטערע, טרייַע טרערן. איצט איז ער שוין ווערט איר ליבע.

— יאָ, איצט וועל איך דיר שוין שענקען מיין ליבע, — ענפערט די בת־מלכה. נאר דאַן ווען וועסט דערפילן מיינע באַגערן.

—אלסדינג, — זאגט דער גליקליכער בן־מלך, וועל איך דיר טון, וואס וועסט נאָר באגערן פון מיר!

— ברייגג זשע מיר אַ חלף, א פארבלוטיגטן, וועלכער איז איבערגעגאנגן דיין ברודערס און שוועסטערס האלז!

אָ, שווער איז דעם גליקליכן בן־מלך געווען איבערפירן דעם חלף אויפן ברודערס און שוועסטערס האַלז, נאָר די ליבע האט געוועלטיגט אויף אים און ז׳י האט העלדיש דורכגעפירט דעם ערשטן נסיון.

דאן האט זיך די ערשטע טרער אָפגעריסן פונ׳ם גליקליכן בן־מלך׳ס האַרץ. אין דער ברוסט האט זי געברענט, אין האלז געוואָרגן און אין אויג געפייערט. ער האט געמוזט זי ארויסלאזן, ווייל גרויס און שטארק איז דער וויטאג געווען. גרויס און שטארק איז דער וויטאג געווען, נאר ער האט זי מיט אלע כחות געהאלטן, ווייל צו שווער איז פארגעסן די ליבע צו ברודער און שוועסטער.

— גיס אויס דיין טרער, — באפוילט די שטאָלצע בת־מלכה, און פארגעס דיין ליבע צו שוועסטער און ברודער!

ארויסגיסענדיג די טרער, האט דער גליקליכער בן־מלך צום ערשטן מאָל אין זיין לעבן א קרעכץ געטון. אין איין מינוט האט א שווארצער טרויער זיין הארץ געדריקט און אין זיין בלוט האט א שפיל געטון דער סם פון לעבן.

באלד איז אבער אין הארצן גרינג געוואָרן און ווי אַ חלום האט ער פארגעסן די ליבע צו ברודער און שוועסטער, די ליבע מיט איר זיסן טרויער.

— איצט, — באפוילט די שטאָלצע בת־מלכה, — גיי ברייגג און לעג פאר מיינע פיס דיין פאָטערס קאָפּ מיט דער קרוין!

ווי שווער סע ניט געווען דעם גליקליכן בן־מלך דורכפירן אַזאַ אַכזוריות׳דיגע טהאַט, נאר דער קיסרשער קאָפּ מיט דער קרוין האט זיך פאר דער שטאָלצער בת־מלכה׳ס פיס געוואלגערט.

און די צווייטע טרער האט זיך אָפגעריסן פון בן־מלך׳ס האַרץ.

זי האט געבויערט זיין האַרץ, געוואָרגן זיין האלז און ווי גאלד געשניטן זיין אויג. און דער בן־מלך וועלכער האט זעהר ליב געהאט זיין פאטער, האט באשטימט אָט די טרער אין קיין שום אופן ניט אויסגיסן.

נאָר די שטאָלצע בת־מלכה האט געהייסן און ער האט געמוזט ווי א העלד זי אויסגיסן.

— ברייגג מיר דיין מוטערס הארץ א מתנה!

אָ, דאס האט ער שוין ניט געקאָנט! זיין מוטער האט דאָך אים אזוי ליב!... נאָר די בת־מלכה האט געהאט אויף אים אזא כח, איר וואָרט האָט אויף אים אזויפיל געווירקט, אז ער האט איר געבראכט אויך זיין מוטערס הארץ א מתנה.

און סע האט זיך די שענסטע טרער אפגעריסן פון גליקליכן בן־מלך׳ס האַרץ. זי האט ווי א גיהנום זיין ברוסט געברענט, זיין מח אויף שטיקער צוריסן, פארסם׳ט זיין בלוט און ארויס אויך נישט געקאנט, ווייל ליבע צו א מוטער איז אוממעגליך צו פארגעסן. זי נעמט מען אין קבר דאָך מיט!

נאָר די שטאָלצע בת־מלכה האט געוואָלט, ער זאָל אָט די טרער אויך ארויסלאָזן און ער האט מיט אונגעוויינליכע כחות ארויסגעלאָזט זי.

— איצט, באפוילט די שטאלצע בת־מלכה, זיי מפקיר דיין מלוכה, פאלש אין דיין פאלק און בייט דיין גלויבן.

ווער ס׳האט ברודער און שוועסטער, פאטער און מוטער געהרגט האט שוין גרינג געקאָנט מַפקיר זיין די מלוכה, פאלשן אין פאָלק און בייטן דאס גלויבן.

און איצט, באַפוילט די שטאָלצע בת־מלכה, טויט מיך אליין!

און די טרער פון דיין לעצטער ליבע צו מיר, איז זי מוסיף, זאלסטו ניט וואַגן פאַרגיסן!

דאס איז געווען דער לעצטער נסיון.

דער גליקליכער בן־מלך האט אים מיט גרויס גבורה דורכגעפירט. ער האט געטוידט די שטאָלצע בת־מלכה און די לעצטע טרער היט ער ביז איצט.

דער גליקליכער בן־מלך האט שוין לאנג פארגעסן זיינע שוועסטער און ברודער, זיין פאטער, זיין מוטער, מלוכה, פאלק און גלויבן, און געדיינקט זיין בת־מלכה.

די לעצטע טרער ברענט שטענדיג זיין הארץ, וואַרגט מיט פייער זיין האלז, שניידט זיין אויג, נאָר ער האלט זי איַין, ער האלט זי איַין.

און ווער סע זעהט דעם בן־מלך זאגט:

— אָט איז דער גליקליכער בן־מלך, וועלכער היט די לעצטע טרער!

ישראל וואקסער.